# פרשת וירא י"ד - כ' חשון תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יעקב רובין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים עלה **רבינו שליט"א** להיכל הכולל בוומסב"ג, והשתתף אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **מיכל ניימאן** שליט"א שנערך על ידי אברכי הכולל, ונשא מדברותיו. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***
**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות, און עס איז א מסיבה פון הכרת הטוב, וואס די בני הכולל האבן צוגעשטעלט פארן מחזיק פונעם כולל, ר' מיכל זאל זיין געזונט. שוין צוויי און דרייסיג יאר, וואס ער פירט אן דעם כולל, דער גאנצער עול פונעם כולל ליגט אויף אים. עס איז א געוואלדיגער זכות וואס עס איז דא אין דעם כולל, פונעם כולל זענען שוין ארויסגעקומען צענדליגער תלמידי חכמים, מרביצי תורה און ערליכע יונגעלייט וואס שטעלן אויף שיינע יודישע שטובער שפעטער. און יעדער איינער פילט אן הכרת הטוב פאר דעם וואס האט עס צוגעשטעלט.

**מען** רעדט צו יונגעלייט נאך די חתונה, וואס אוודאי האט מען געהערט הדרכה פאר די חתונה, יעדער איינער האט זיך געהאט זיין מדריך, אבער מען פארגעסט זייער שנעל אלעס וואס מען האט געהערט דעמאלטס, און מיט די צייט מעג עס האבן חיזוק אויף ווייטער. - אזוי ווי עס איז דא הכרת הטוב פון די בני הכולל וואס שטעלן צו די שבע ברכות, איז דא א געוויסע נקודה פון הכרת הטוב וואס יעדער איינער דארף האבן ביי זיך אין שטוב. עס שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה (יב-טז), ולאברם היטיב בעבורה, דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אברהם אן הרחבה, אברהם אבינו האט שפעטער געהאט א געוואלדיגע עשירות, בעבורה, דער אייבערשטער האט עס געטון אין זכות פון שרה, אין הברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בזכות אשתו (בבא מציעא נט.), די ברכה וואס א מענטש האט אין שטוב, איז נישט ער ברענגט די פרנסה, נישט ער גיט אריין די ברכה אין שטוב, נאר עס איז אין איר זכות. אברהם האט געהאט גענוג אייגענע זכותים, ער האט נישט געדארפט האבן אירע זכותים, אבער די ברכה אינעם שטוב קומט אריין דורך די אשה, ולאברם היטיב בעבורה.

**די** סיבה פארוואס די ברכה קומט דורך איר איז, ווייל כדי אז עס זאל זיין א ברכה אין א שטוב, איז דאך איש ואשה זכו, שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), אז מען פירט א ערליכע יודישע שטוב, איז דא אן השראת השכינה. און אז עס איז דא א השראת השכינה, ברענגט עס מיט אלעס גוטס וואס איז שייך. אויף דעם פלאץ וואו די שכינה איז, איז נישט דא קיין רעה, עס איז נאר שולט א ברכה.

**די** חשיבות פון א יודישע שטוב איז, אהבה אחוה שלום וריעות, לעבן בשלום. כשם שאין פרצופיהן שוות, כך אין דיעותיהן שוות (תנחומא פנחס י), בין איש לאשתו איז נישט דא די זעלבע מחשבות, און נישט די זעלבע מידות, און נישט די זעלבע אויפפאסונגען, יעדער איינער האט א וועלט פאר זיך אליין. און ווען מען ברענגט אריין אין שטוב אהבה אחוה שלום וריעות, וואו עס איז דא שלום, דארט איז דא א ברכה. השם גבולך שלום חלב חטים ישביעך (תהלים קמז-יד), ווען דער אייבערשטער גיט אז דיין גבול איז שלום, חלב חטים ישביעך, דארט איז דא א שפע. ווען מען האט חתונה, דעמאלטס ווערט דער מענטש געפריווט אין זיין מידה פון שלום, ווי אזוי ער קען זיך אויסקומען מיט א צווייטן. און דאס ברענגט די ברכה, ולאברם היטב בעבורה.

*

**די** גמרא זאגט, כל הנושא אשה לשם שמים, ווען מען נעמט א אשה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה (סוטה יב.), און ער איז זוכה צו קינדער שמושיעין את ישראל (דרך ארץ זוטא ז). וואס מיינט עס 'לשם שמים', צו דעם נאמען שמים. ער וואלט געדארפט זאגען הנושא אשה 'לשמה', ווען מען נעמט א אשה מקיים זיין די מצוה וואס די תורה

האט געהייסן, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה, און אנדערע זאכן וואס עס שטייט דערויף.

**מען** זאגט ביים דאווענען, עושה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום עלינו, ועל כל ישראל, דער אייבערשטער וואס מאכט שלום אויבן אין הימל, זאל געבן שלום ביי אונז אויך. וואס איז דער עושה שלום במרומיו, וואס מאכט דער אייבערשטער שלום במרומיו? שטייט אין מפרשים, דער אייבערשטער איז על השמים כבודו (תהלים קיג-ד), ער איז דאך אויבן אין הימל. דער שמים וואס דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט, איז אש ומים. דער באשעפער האט גענומען פייער און וואסער, צוויי באזונדערע וועלטן, וואס בדרך הטבע קענען זיי זיך נישט פארטראגן איינס מיט דאס אנדערע, דער אש און דער מים שלאגן זיך, דער מים איז מכבה בדרך כלל דעם אש. און דער באשעפער האט צוזאמגעשטעלט א הימל, פון אש ומים צוזאמען, און עס איז דא שלום, עס שטייט א הימל. און חז"ל (חגיגה יב.) זאגן, אז וועגן דעם הייסט עס 'שמים', ווייל שמים איז 'אש מים'. ש' דאס איז דער אש, מים איז וואסער. דער 'שמים' איז צוזאמגעשטעלט פון פייער און פון וואסער. עושה שלום במרומיו, דער אייבערשטער האט געמאכט שלום במרומיו, ער האט צוזאמגעשטעלט דעם שמים, אזוי בעט מען פונעם אייבערשטען, הוא יעשה שלום עלינו, אונז זאל מיר אויך קענען האבן די מידה פון שלום.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, פארוואס הייסט עס 'שמים' עס וואלט געדארפט הייסן 'אשמים', אש מים. פארוואס פעלט דער א' פונעם אש? נאר כדי אז עס זאל קענען זיין שלום צווישן אש ומים, מוז מען מוותר זיין, מען מוז אראפנעמען פון זיך, כדי עס זאל קענען זיין שלום. אז דער שמים זאל קענען זיין אש ומים, ער זאל קענען זיין צוזאמען מיט וואסער, מוז דער אש מוותר זיין, ער נעמט אראפ דעם א' פון זיך, דעמאלטס קען זיין, עס זאל זיין א שותפות צוזאמען. **ווען א מענטש איז נישט גרייט מוותר צו זיין, ער גייט זיין וועג און זי גייט איר וועג, אז עס איז נישט דא קיין וויתור, דעמאלטס קען זיך נישט האלטן קיין שלום, עס איז נישט דא קיין אהבה אחוה שלום וריעות.** אויב מען איז מוותר איינער פארן אנדערן, דער אש האט אוועקגעגעבן זיין א', דעמאלטס קען זיך האלטן דער שמים.

**שטעלט** זיך די קשיא, פארוואס דארף דער אש מוותר זיין, דער אש האט אוועקגעגעבן זיין א', פארוואס האט דער מים נישט אוועקגעגעבן זיין מ' צום סוף? די וועלט ענטפערט דערויף, אז **דער וואס ברענט און דער וואס קאכט, דער דארף מוותר זיין.** דער אש וואס ער קאכט, ער דארף אוועקגעבן פון זיך, אבער דער מים איז רוהיג, מים איז סאליד, דער מים דארף נישט קיין סאך מוותר זיין. אבער אויב עס איז דא איין צד וואס איז אש, פייער, דער אש אז ער וויל עס זאל זיין שמים, דארף ער מוותר זיין, אוועקגעבן פון זיך, כדי עס זאל קענען זיין א שמים.

*

**עס** קען זיין נאך א נקודה פארוואס דער אש האט אוועקגעגעבן פון זיך דער א', אז עס זאל קענען זיין שמים, עס זאל זיין שלום צווישן דער אש מיטן מים. מען געפונט ווען אברהם אבינו האט געזוכט א שידוך פאר יצחק, האט ער אנגעזאגט פאר אליעזר, ער זאל נישט נעמען פון די בנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו (בראשית כד-ג), נאר ער האט אים אוועקגעשיקט אויף חרן, גיי צו מיין משפחה, און ער האט געברענגט רבקה. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס האט ער געדארפט זאגן, דו זאלסט נישט נעמען מבנות הכנעני 'אשר אנכי יושב בקרבו', וואס איך וואוין צווישן זיי. מען האט דאך געוואוסט אז ער וואוינט אין כנען. עס שטייט די וואך אין די פרשה, לך לך מארצך, ער איז אוועקגעגאנגען פון חרן, ויבואו ארצה כנען (יב-ה), ער וואוינט שוין פופציג יאר אין כנען, און ער דארף זיך נישט פארשטעלן, נעם נישט פון די בנות הכנעני, וואס איך וואוין צווישן זיי.

**איך** האב געזעהן צוברענגען פונעם **חתם סופר**, אז וועגן דעם זאגט ער אשר אנכי יושב בקרבו, ווייל אברהם אבינו'ס שטוב איז דאך געווען א אויסערגעווענליכע שטוב, א שטוב פון קדושה וטהרה. און עס איז נישט געווען נאך א שטוב וואס זאל קענען זיין צוגעפאסט אין יענעם דור, אז מען זאל קענען נעמען א שנור פאר אזא הייליגן צדיק ווי יצחק. נאר וואס דען, אז מען וועט אריינברענגען א שנור אין שטוב פון אברהם אבינו, וועט זי זיך אויסלערנען די וועגן פון אברהם אבינו, און זי וועט זיך צושטעלן צו זיין ערליך, עס זאל זיין צוגעפאסט צו יצחק.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, דאס איז נאר אז מען נעמט א שנור פון די פרעמד, זי גייט אוועק פון איר טאטענס שטוב, זי גייט אוועק פון אירע חבר'טעס, זי לאזט איבער דעם גאנצן מקום וואו זי איז געוווען פאר דעם, און זי קומט אויף א נייע פלאץ וואו זי האט נישט קיין חברותא דא, עס נעמט דאך א לאנגע צייט ביז מען הייבט זיך אן צו באקענען מיט אנדערע, און ווען מען קומט אריין צום שווער אין שטוב, הייבט מען זיך אן צוצושטעלן צו די הנהגה ווי מען פירט זיך דארט. אבער אז מען נעמט א שנור פון דעם זעלבן פלאץ אליין, זי קומט טאקע אריין אין אברהם'ס שטוב, אבער צען מינוט שפעטער איז זי ביים טאטען אין שטוב, און א טאג שפעטער גייט זי צו די חבר'טע אין שטוב, קען זיך נישט האלטן דאס ערליכקייט וואס זי באקומט ביי אברהם אין שטוב, ווייל זי האט אייביג אנדערע ארום, וואס טוען עס קאליע מאכן.

**אברהם** אבינו האט געזאגט פאר אליעזר, די בנות הכנעני מיט די בנות חרן, זענעןביידע נישט קיין סאך ווערד, אבער די בנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו, וואס איך וואוין צווישן זיי, קומט דאך אויס אז איך נעם א שנור פון דא, פון די אנדערע זייט גאס נעם איך איר. זי וועט טאקע אריינקומען צו מיר אין שטוב, און זי וועט זעהן וואס עס טוט זיך ביי אברהם אין שטוב, אבער נאכדעם וועט זי צוריקגיין און זעהן עפעס אנדערש, מיט דעם קען מען נישט אויפשטעלן קיין שטוב פאר יצחק. אבער ווען דו וועסט נעמען איינע פון די פרעמד, און זי וועט אוועקגיין פון לבן און פון בתואל, און דא וועט זי נישט האבן קיינעם, זי וועט אריינקומען צו מיר אין שטוב, די וועל איך קענען אויפשטעלן, אז עס זאל קענען זיין אותה הוכחת לעבדך ליצחק. אזוי שטייט אין חתם סופר.

*

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט נאך א כוונה אין דעם וואס ער האט געזאגט, נעם נישט מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו. עס שטייט אין מדרש (ב"ר א-י), די תורה הייבט זיך אן מיט דעם ווארט בראשית, מיט א ב'. פרעגט דער מדרש, פארוואס הייבט זיך נישט אן די תורה מיט א א', די ערשטע אות פון די א' ב'. זאגט דער מדרש, ווייל א' איז א אות פון א'רור, א אות פון קללה. ב' איז א אות פון ב'רכה. האט די תורה נישט געוואלט אנהייבן מיט אן אות פון א', א קללה, האט ער אנגעהויבן מיט ב' וואס איז א ברכה. איך האב געזעהן שטיין אין ספר **אלופי יהודה** (פ' בראשית), פרעגט ער, מען קען טרעפן אסאך קללות וואס הייבן זיך אן מיט א ב', און מען קען טרעפן אסאך ברכות וואס הייבן זיך אן מיט אן א'. ארור מיט ברוך איז טאקע א א' מיט א ב', אבער ווען די תורה וואלט אנגעהויבן מיט א א' וואלט מען געקענט טרעפן אסאך ברכות וואס הייבן זיך אן מיט א א'.

**זאגט** ער, דער פשט דערפון איז. א' איז איינס, ב' איז צוויי. **עס איז דא מענטשן וואס לעבן נאר פאר זיך אליין, עס אינטערעסירט אים נישט קיין צווייטער. אים זאל זיין גוט, אלעס זאל זיין אויף זיין וועג, און וואס עס קען נישט זיין ווי זיין וועג, אינטערעסירט אים נישט. מען זאל זיך איבערדרייען, ער גייט זיך זיין מהלך. און וואס עס זאל זיין, וועט ער זיך אלץ שטעלן מיט א פעסטקייט, עס מוז זיין אזוי ווי איך האב געזאגט. פון אזא מענטש, קען א וועלט נישט זיין.** עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג), מען קען נישט לעבן פאר זיך אליין. דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, וואס מענטשען מוזען זיך קענען אדורכקומען איינער מיטן צווייטן. אז מען קומט זיך נישט אדורך איינער מיטן צווייטן, איז נישט דא קיין וועלט. ב', ווען ער שטעלט זיך צוזאם מיט א צווייטן, ער איז נישט איינער אליין, ער גייט מיט א צווייטן צוזאמען, ער זוכט זיך צוזאמפארן, צוזאמען ווערן זיי א ב'.

**די** תורה האט נישט געוואלט אנהייבן בריאת שמים וארץ, בראשית ברא אלקים, מיט א א', ווייל א' איז דער טייטש איינער אליין. א איינער אליין, איז א ארור. אזא וועלט וואס א מענטש וויל אלעס טון נאר אויף זיין וועג, און נישט אויף קיין אנדערע וועג, דאס איז ארור. ב' איז א ברכה, מען לערנט זיך אויס, אז מען לעבט נישט דוקא פאר זיך אליין. איינער מיטן צווייטן צוזאמען, דאס איז א ברכה. אזוי שטייט אין אלופי יהודה.

**אברהם** אבינו האט געקענט די בנות הכנעני, און ער האט געוואוסט אז זיי שטעלן זיך אויף זייערס, און עס איז נישט דא נאר זייער וועג, און טאמער מען וועט נישט טון אזוי ווי זיי זאגן, וועלן זיי זיך נישט

מכניע זיין פאר קיין צווייטן, אזא שידוך קען נישט קומען מיט יצחק. אז זי וועט נישט זיין גרייט מוותר צו זיין צו דעם וועג פון יצחק, דעמאלטס קען נישט ווערן אויפגעבויט דער כלל ישראל. לא תקח אשה מבנות הכנעני, נעם נישט קיין אשה פון די בנות הכנעני, אשר 'אנכי', דער 'אנכי', יושב בקרבו. ביי זיי זיצט דער 'אנכי' אינעווייניג אין זיי. אלעס איז איין מענטש אליין, אלעס דארף זיין אזוי ווי איך, דער 'אנכי' איז יושב בקרבו. פון א 'אנכי' יושב בקרבו, קען נישט אויסוואקסן קיין יודישע שידוך. ער האט געקענט זיין משפחה וואס אין נאטור זענען זיי געווען בעלי חסד, צו קענען מוותר זיין איינער פארן צווייטן, נעם פון מיין משפחה, פון דעם וועל איך קענען אויפשטעלן די שטוב. ווילאנג א מענטש וויל אלעס זאל גיין אויף זיין וועג, ער איז נישט גרייט מוותר צו זיין, טון אנדערש פון דעם וואס ער פארשטייט, קען נישט זיין קיין אהבה אחוה שלום וריעות אין א שטוב. א שטוב קען נאר ווערן געבויט ווען א מענטש איז גרייט אוועקצוגעבן פון זיך. דער אש האט אוועקגעגעבן פון זיך א חלק כדי מען זאל קענען לעבן אש מיט מים צוזאמען.

**וואס** דארף מען אוועקגעבן כדי דער אש ומים זאלן קענען לעבן צוזאמען? דעם א', דער 'אנכי'. א' איז איינער אליין, אלעס איז איך, דער אני, דער אנכי וואס איז יושב בקרבו, דאס אז עס איז דא צוזאמען אש מיט מים, דער א' איז אויך דא צוזאמען, פון דעם ווערט נישט קיין שמים. כדי אז דער אש ומים זאל קענען זיין צוזאמען, מוז מען אוועקגעבן דעם א' דערפון, עס איז נישט דא קיין 'אנכי', נישט דא איך אליין, אלעס דארף גיין מיט א שותפות. השם גבולך שלום, דעמאלטס איז חלב חטים ישביעך, דעמאלטס קומט אריין די ברכה אין שטוב.

**און** דאס איז אין הברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בזכות אשתו, ווי אזוי ער קומט זיך אויס מיט די ווייב, אזוי איז דא די ברכה אינעם שטוב. חז"ל (יבמות סג.) זאגן, אז רבי חייא האט געהאט א שלעכטע ווייב, און פון דעסטוועגן דאך, ווען ער איז אהיימגעקומען פון די פרעמד, האט ער אייביג געברענגט א מתנה פאר איר. האט מען אים געפרעגט, א מתנה ברענגסטו פאר איר? זי טוט דאך דיר אזויפיל דערקיטשען דאס לעבן. האט ער געזאגט, דיינו שמגדלת את בנינו, ומצילות אותנו מן החטא. יעדער איינער דארף זיין דאנקבאר אין שטוב, אז אויסער דעם וואס דער אייבערשטער העלפט און מען האט א אשה וואס איז א בעלת חסד, און וויפיל גוטע זאכן וואס עס איז דא אינעם שטוב, אבער דאס אליין אז עס איז מצילות אותנו מן החטא, און עס איז מגדלת את בנינו, קומט זיך איר קרעדיט אז מען זאל איר ברענגען א מתנה. - און דאס איז די חשיבות פון א יודישע שידוך, אז ביי אונז איז נישט דא קיין 'אנכי' יושב בקרבו. אויב עס איז דא א אנכי יושב בקרבו, אז מען קוקט אז עס זאל זיין דער 'אנכי', קען נישט זיין קיין שלום. אז מען איז גרייט מוותר צו זיין איינער אויפן אנדערן, דעמאלטס קען זיין שלום.

**מען** זיצט ביי א סעודות שבע ברכות, א סעודה פון הכרת הטוב, דארף מען זיך מיטנעמען אויף אינדערהיים, וויסן אז עס איז דא אן הכרת הטוב יעדער איינער ביי זיך אין שטוב, מכיר טובה צו זיין אויף די חשיבות וואס ער באקומט פון זיין בני בית, כדי עס זאל קענען אויפגעבויט ווערן א שטוב פון אהבה אחוה שלום וריעות.

**עס** קומט זיך צוזאם דא אזא חשוב'ער שידוך, דער חשוב'ער חתן אברהם הערש זאל זיין געזונט, וואס קומט פון אזא חשובע שטוב, מען דארף נישט פארשטעלן רבי מיכל, יעדער קען אים בעסער פון מיר דא. זיין אהבת תורה, זיין יראת שמים, תורה עבודה וגמילת חסדים, אלע דריי ענינים צוזאמען. און ער קומט אריין אין א חשובע שטוב, אנשים חשובים מאוד, עס איז ענבי הגפן בענבי הגפן, דבר נאה ומתקבל.

**איך** וועל פארציילן א זאך פונעם זיידע, ר' יוסף מענדל כ"ץ ז"ל. ווען איך בין געווען א יונגל אונטער די בר מצוה, בין איך פורים ביינאכט געגאנגען נאך געלט. און איין יאר בין איך אריינגעקומען צום זיידען אין שטוב, ער האט געוואוינט אויף יוז סטריט. און ער איז געזעסן ביי די סעודת פורים אין שטוב, [עס איז געווען די משפחה אליין, עס איז נישט געווען קיינער דארטן], און עס איז געווען אזוי אויפגעלאכטן זיין צורה, ער האט זיך געפריידט, און ער האט געטאנצט מיט אזא התרגשות, אז עס האט אויף מיר איבערגעלאזט אזא רושם, אז איך מיין אז עס גייט נישט אדורך א יאר פורים, וואס עס זאל מיר נישט ליגן פאר מיינע אויגן, ווי אזוי דער יוד האט

אויסגעקוקט פורים. עס איז געווען נאך א קריג, פארלוירן אלעס ארום און ארום, מען האט אנגעהויבן אויפצובויען פונדאסניי, עס זענען געווען אין שטוב קליינע קינדערלעך, מען האט אנגעהויבן א נייעם שטוב, און ווען עס איז געקומען פורים האט מען זיך געפריידט מיט א שמחה, עס האט איבערגעלאזט אויף מיר אזא רושם, אז איך געדענק עס יעדעס יאר. אז מען קומט פון אזעלכע שטובער איז אוודאי דא צו האפן אז עס זאל זיין א המשכת הדורות, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. דער באשעפער זאל געבן אלע עלטערן מיט די זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה פון אלע קינדער און אייניקלעך. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ווען** מען איז אראפ קיין מצרים, האט אברהם געזאגט פאר שרה, והיה כי יראו אותך המצרים, ווען די מצרים וועלן זעהן אז דו ביסט א יפת מראה, וועלן זיי איר וועלן נעמען צו פרעה, ואמרו אשתו זאת, והרגו אותי, און מיך וועט מען הרג'ענען, ואותך יחיו, און דיך וועלן זיי לאזן לעבן. אמרי נא אחותי את, למען ייטב לי בעבורך, וחיתה נפשי בגללך (יב-יב). 'יחיו' איז דער טייטש, אז זיי וועלן דיך לעבעדיג מאכען. ער וואלט געדארפט זאגן, ואת תחיה, און דו וועסט בלייבען לעבן. וואס איז דער לשון ואותך יחיו, און דיך וועלן זיי לעבעדיג מאכען. זי לעבט דאך, מען דארף איר נישט לעבעדיג מאכען.

**דער אבן עזרא** (שם) טייטשט, אז עס איז דאך געווען א הונגער יאר, עס איז נישט געווען וואס צו עסן. האט ער געזאגט, ואותך יחיו, דיר וועט מען געבן צו עסן, דו וועסט האבן וואס דו דארפסט האבן. אזוי ווי ותחיין את הילדים (שמות א-יז), איז נישט דער טייטש אז זיי האבען געגעבן חיות פאר די קינדער, די קינדער האבן דאך געלעבט, נאר ווען מען גיט יענעם הילף אז ער זאל קענען בלייבען לעבן, רופט מען עס אן יחיו. ואותך יחיו, דיר וועלן זיי געבן, אז אין די שנות הרעב, זאלסטו האבן וואס צו עסן.

**דער בעל הטורים** ברענגט צו א מסורה, אז עס איז דא נאך א פלאץ וואו עס שטייט דאס ווארט 'יחיו', יחיו דגן ויפרחו כגפן (הושע יד-ח). לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט וואס עס מיינט ואותך יחיו, דיר וועלן זיי מחיה זיין. מיט וואס וועלן זיי דיר מחיה זיין, דו לעבסט דאך. יחיו דגן ויפרחו כגפן, מען וועט דיר געבן צו עסן, אז דו זאלסט קענען לעבן.

*

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א ענין. אין חז"ל געפונט מען אז מען איז שטארק משבח די מדה פון מעביר על מדותיו. א מענטש זאל זיך נישט אפרעכענען מיט זיין חבר אזוי ווי עס קומט זיך אים, ער דארף מוותר זיין. אפילו דער חבר האט אים געטון א עוולה, דארף ער זעהן אוועקצולייגען די מדה וואס קומט זיך פאר יענעם, און ער זאל זיך נישט פירן מיט יענעם אזוי ווי יענער האט זיך געפירט מיט אים. איין גמרא איז דא (ראש השנה יז.) אז א מעביר על מדותיו איז מעבירין לו על כל פשעיו. ווייל ער איז נישט מדקדק אויף יענעם זיך צו פירן מיטן מדת הדין, איז מען אין הימל אויך נישט מדקדק מיט דעם מענטש זיך צו פירן לפי שורת הדין. און אפילו ער האט געזינדיגט, מעבירין לו על כל פשעיו, פארקוקט מען אויף די עבירות וואס ער האט געטון. שנאמר (מיכה ז-יח) נושא עון ועובר על פשע. למי נושא עון, פאר וועם איז דער אייבערשטער נושא עון, למי שעובר על פשע, פאר איינעם וואס קען פארביי גיין ווען מען האט אים געטון א עוולה, און ער טוט נישט צוריק פאר יענעם.

**א** צווייטע גמרא איז דא (תענית כה:), אז עס איז געווען אמאל א תענית אויף גשמים, און רבי אליעזר האט געדאווענט כ"ד ברכות ביי די שמונה עשרה, אז עס זאל בטל ווערן די גזירה, און עס זאל קומען רעגן, ולא נענה, ער איז נישט געענטפערט געווארן. איז געקומען רבי עקיבא, און ער האט אנגעהויבן צו זאגען אבינו מלכנו, און תיכף האט אנגעהויבן צו רעגענען. און מען האט אנגעהויבן מרנן צו זיין, אז עס קוקט אויס ווי רבי עקיבא איז חשוב'ער פון רבי

אליעזר. יצתה בת קול ואמרה, לא מפני שזה גדול מזה, נישט ווייל רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר, רבי אליעזר האט זיך גארנישט צו שעמען פון רבי עקיבא, אלא מפני שזה מעביר על מדותיו, וזה אינו מעביר על מדותיו. רבי עקיבא איז געווען ספעציעל אין מעביר זיין על מדותיו, מער ווי א צווייטער. און אז ער איז א מעביר על מדותיו, האט מען אים באצאלט.

**א** דריטע גמרא וואס איז נוגע לענינינו, די גמרא (חגיגה ד:) זאגט, אז עס שטייט אין פסוק (משלי יג-כג) ויש נספה בלא משפט, עס איז דא אמאל וואס א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, אנדעם וואס עס איז זיך אים געקומען אז ער זאל אוועקגיין. מען האט נישט אפגע'פסק'נט אין הימל אז ער זאל אוועקגיין פון די וועלט, און עס איז א פארכאפעניש, מען האט אים צוגעכאפט פון די וועלט. פרעגט די גמרא, איז דען דא אזא זאך אז א מענטש זאל קענען אוועקגיין פון די וועלט בלא משפט. זאגט די גמרא, יא, עס איז דא אזא זאך. רבי ביבי בר אביי איז דער מלאך המות געווען שכיח ביי אים, ער האט זיך פארטראגען מיטן מלאך המות, ער פלעגט זיך אדורכשמועסן מיט אים. האט אים דער מלאך המות אמאל פארציילט, אז ער האט געשיקט זיין שליח אז ער זאל אים ברענגען די נשמה פון מרים, וואס איז געווען מגדלא שערי דנשיא, זי פלעגט צו פלעכטען די האר פון די נשים. דער שליח האט זיך טועה געווען, און ער איז געגאנגען צו א צווייטע מרים, און ער האט געברענגט די נשמה פון מרים וואס איז געווען מגדלא דרדקי, זי האט ערצויגען קינדער. ווען ער האט געברענגט די נשמה פון די מרים מגדלא דרדקי, זאגט אים דער מלאך המות, עס איז א טעות, נישט די נשמה האב איך געהייסען ברענגען, איך האב דיר געהייסען ברענגען א צווייטען. זאגט דער שליח, פיין וועל איך צוריקגעבן דאס לעבן פאר די מרים וואס איך האב צוגענומען, און איך וועל ברענגען די צווייטע. זאגט דער מלאך המות, צוריק גייט שוין נישט. אז דו האסט דאס געברענגט, דאס וועט שוין בלייבען דא. זאגט די גמרא, זעהט מען אז עס איז יש נספה בלא משפט, מען קען אוועקגיין פון די וועלט ווייל עס האט זיך געמאכט א טעות. דער מלאך האט זיך טועה געווען, און ער האט צוגענומען איינעם וואס עס איז נישט געקומען זיין צייט.

**האט** אים רבי ביבי געפרעגט נאכדעם, סוף כל סוף פאר דעם מענטש איז געווען אנגעשריבן יארן וואס ער דארף זיין אויף די וועלט. וואס טוסטו מיט די יארן פון דעם מענטש. דו האסט אים בא'עוול'ט, ער וואלט געקענט דינען דעם אייבערשטען נאך צוואנציג דרייסיג יאר, און דו האסט אים אוועקגענומען פאר די צייט. וואס טוסטו מיט די יארן, וואס מען האט אים צוגענומען. האט ער געזאגט, אז ווען ער זעהט א צורבא מרבנן, א תלמיד חכם וואס איז א מעביר על מדותיו, גיט ער אים די יארן וואס מען האט צוגענומען פון א מענטש וואס איז זיך אים נישט געקומען, והוה חילופיה. דער יוד באקומט פרישע יארן, ער דינט דעם אייבערשטען דערמיט, און ביידע האבן א חלק אין די עבודת ה'. - זעהט מען פון דעם די געוואלדיגע חשיבות פון א מעביר על מדותיו. **א מענטש מיינט אמאל, אז ער איז א תקיף, יענער האט אים געטון א עוולה, ער גייט אים צוריק צאלען, ער גייט נישט מוותר זיין דערויף, ער וועט זיך נישט לאזן פון יענעם, און ער וועט געווינען. אויף דעם געווינען, צאלט מען טייער. ווען ער וואלט געווען א מעביר על מדותיו, ער וואלט טאקע יעצט שאדען געהאט עפעס, אבער עס וואלט זיך אויסגעגראדעט, מעבירין לו על כל פשעיו, מען איז מקבל זיינע תפלות, מען גיט אים צו יארן פון אנדערע.** זעהט מען די געוואלדיגע חשיבות פון א מעביר על מדותיו, אז מען גיט אים צו נאך יארן.

*

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**. א הורג נפש בשגגה גייט אין גלות, און ער דארף זיין אין גלות עד מות הכהן הגדול (במדבר לה-כה). האט ער געפרעגט, פארוואס דארף ער דארט זיין עד מות הכהן הגדול. וואס האט עס א שייכות, אז ווייל דער כהן גדול איז געשטארבען, קען ער ארויסגיין פון די ערי מקלט. וואס איז די קשר צווישן די ביידע. זאגט ער זייער שיין. ווען א מענטש האט גע'הרג'ט יענעם בשגגה, ער האט געמאכט א עקסידענ"ט, און ער האט יענעם גע'הרג'ט, האט ער דאך צוגענומען יענעמ'ס יארן, וואס יענער וואלט נאך געקענט לעבן. ער איז א בעל בחירה, און דו האסט יענעם גע'הרג'ט. איז דאך דא יארן וואס מען האט אוועקגענומען פון דעם נרצח וואס מען האט גע'הרג'ט. נעמט מען די יארן, און מען גיט עס אוועק, ווי די גמרא זאגט, פאר איינעם וואס איז א

צורבא מרבנן, און ער איז מעביר על מדותיו, יענער זאל אויסנוצן די יארן פון דעם מענטש, און דינען דערמיט דעם אייבערשטען.

**זאגט** דער געררער רבי, ווער איז א מעביר על מדותיו, כהנים זענען דאך מסטרא דחסד (זוה"ק ח"א רמד.). ווען איינער איז א בעל חסד, איז ער מעביר על מדותיו. ווער איז דער גרעסטער צווישן די כהנים, דער כהן גדול. דער כהן גדול איז גדול מאחיו, אין די מדה פון חסד איז ער אויך א גדול מאחיו. אז מען האט גע'הרג'ט יענעם בשוגג, און מען דארף אוועקגעבן יענעמס יארן פאר איינעם, גיט מען עס אוועק פארן כהן גדול, ווייל ער איז א מעביר על מדותיו. אז דער כהן גדול שטארבט, איז א סימן אז ער האט שוין אויסגענוצט יענעמס יארן. וואס יענער וואלט געדארפט טון אויף די וועלט, איז מתוקן געווארען. ביז יעצט האט ער געדארפט זיצען אין ערי מקלט, ווייל דו האסט אוועקגענומען א יוד'ס לעבן. ער וואלט דאך געקענט ווייטער דינען דעם אייבערשטען, און דו האסט אים עס צוגענומען, דארף ער זיצען אין די ערי מקלט. אבער אז מען האט עס אוועקגעגעבן פארן כהן גדול, און דער כהן גדול שטארבט יעצט, איז א סימן אז מען האט שוין מתקן געווען יענעמס חטא, יעצט קענסטו אהיימגיין.

**קומט** דאך אויס, אז ווען מען נעמט אוועק א מענטש פאר די צייט, גיט מען אוועק די יארן פאר איינעם וואס איז א מעביר על מדותיו. אברהם איז אלט געווען פינף און זיבעציג יאר (יב-ד), און געלעבט האט ער הונדערט פינף און זיבעציג. טאמער עס וועט זיין והרגו אותי, טאמער מען וועט מיך הרג'ענען, האט מען דאך צוגענומען הונדערט יאר לעבן פון אברהם אבינו. פארוועם וועט מען עס אוועקגעבן, ווער איז נאך דא אין דעם דור אזא צדיקת וואס מען דארף עס אוועקגעבן פאר איר, ווי שרה. וועט שרה איבערנעמען אברהם'ס יארן, און שרה וועט לעבן לענגער מיט נאך הונדערט יאר. האט אברהם געזאגט, והרגו אותי, אויב מען וועט מיך הרג'ענען, קומט דאך אויס אז מען האט צוגענומען מיינע יארן וואס איך האב נאך געקענט דינען דעם אייבערשטען, און דאס גיט מען דאך אוועק פאר איינעם וואס איז ראוי דערצו. ואותך יחיו, פאר דיר וועט מען נאך צוגעבן יארן. די והרגו אותי, וועט דיך מחיה זיין, אז מען וועט דיר צוגעבן פרישע יארן.

*

**עס** שטייט אין **באר מים חיים** (ריש פ' חיי שרה), ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים, שני חיי שרה (כג-א), וואס איז דער שני חיי שרה. ער האט דאך געזאגט, אז זי האט געלעבט הונדערט זיבן און צוואנציג יאר. זאגט דער באר מים חיים, ווייל אמאל איז דא וואס פאר א מענטש איז צוגעגרייט זיינע יארן וואס ער דארף לעבן, אבער ער באקומט פרישע יארן פון אנדערע מענטשען וואס זענען געשטארבען פאר די צייט, און מען גיט עס אוועק פאר אים. זאגט די תורה הק', אז די הונדערט זיבען און צוואנציג יאר וואס שרה האט געלעבט, האט זי נישט באקומען פרישע יארן פון א צווייטען, נאר 'שני חיי שרה', די יארן זענען געווען די יארן וואס זענען געווען קצוב פאר שרה. און ער גייט אריין אין א טעם פארוואס די תורה פארציילט אז עס איז געווען אירע יארן.

**לויט** דעם קען זיין, אז מען גיט טאקע צו יארן, אבער יענער דארף זיין א מעביר על מדותיו. טאמער יענער איז נישט קיין מעביר על מדותיו, באקומט ער נישט די יארן. ביי שרה געפונט מען די וואך אין די פרשה (טז-ד), אז ווען הגר איז געווארן מעוברת, ותקל גבירתה בעיניה, ותענה שרה, און שרה האט איר אנגעהויבן צו פייניגען, אזוי ווייט אז זי האט געמוזט אנטלויפן פון שרה. און אברהם האט איר געזאגט, טו וואס דו פארשטייסט, און ער האט איר אוועקגעשיקט. דער **רמב"ן** (שם) זאגט, חטאה אמנו, שרה האט געזינדיגט, אז זי האט נישט געהאלטן מער הגר אין שטוב. און אברהם האט געזינדיגט אז אברהם האט מסכים געווען. און דער הייליגער רמב"ן זאגט צווי שורות וואס איז א מוסר השכל. אז וועגן דעם איז ישמעאל אויסגעוואקסען שפעטער א פרא אדם, און אונז אלע לייד מיר פון ישמעאל, ווייל אונזער מאמע שרה מיט אברהם אבינו וואלטן געדארפט מוותר זיין, און נישט אוועקשיקן הגר. ווייל מען האט געפייניגט הגר, און זי האט געמוזט אוועקגיין, האט מען אונז באצאלט, אז מען האט באקומען א פרא אדם, א ישמעאל.

**קומט** דאך אויס, שרה איז טאקע געווען א גרויסע צדיקת, אבער דא זאגט דער רמב"ן אז חטאה שרה,

זי איז נישט געווען קיין מעביר על מדותיו, ווען עס איז געווען ותקל גבירתה בעיניה, האט זי איר אוועקגעשיקט. קומט אויס אז זי האט פארלוירן די חשיבות פון מעביר על מדותיו, האט זי נישט צובאקומען פרישע יארען. פארציילט די תורה, שני חיי שרה, זי האט נאר געהאט אירע יארן וואס איז געווען פאר איר קצוב צו לעבן, און מען האט איר נישט צוגעגעבן פרישע יארן, ווייל זי האט פארלוירן די חשיבות פון מעביר על מדותיו. - תמצית הדבר איז, ווען א יוד איז א מעביר על מדותיו, דערלייגט מען נישט, און מען דארף זיך מדבק זיין אין די מדה.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב רובין** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (יח-יט), דער אייבערשטער האט געזאגט אויף אברהם אבינו, כי ידעתיו, איך האב ליב אברהם אבינו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה', ווייל אברהם אבינו איז מצווה פאר זיינע קינדער, אז זיי זאלן נאכגיין נאך אים, און זיי זאלן אפהיטן די וועג פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט נישט געזאגט, אז ער האט ליב אברהם אבינו ווייל ער לערנט און ער דאווענט, ער טוט מצות און מעשים טובים, קיים אברהם אבינו כל התורה כולה עד שלא ניתנה (יומא כח.), ער איז נישט געווען געצווינגען צו האלטן די תורה, און אברהם אבינו האט אלעס מקיים געווען. די חשיבות פון אברהם אבינו אין די אויגן פונעם אייבערשטען איז געווען, אז ער גיט חינוך פאר זיינע קינדער. כי ידעתיו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ה'. - די פסוק זאגט, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, וואס איז דער 'אחריו'. ער וואלט געדארפט זאגען, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו, ושמרו דרך ה'. וואס איז ער מדייק, אז ער איז מצווה זיינע קינדער נאך אים, אז זיי זאלן אפהיטן די וועג פונעם אייבערשטען.

**אין** חינוך איז דא צוויי ערליי וועגן. עס איז דא וואס עלטערן און מחנכים זאגען פאר יענעם ווי אזוי ער זאל זיך פירן. ביי יעדע זאך איז מען מעורר, יעצט דארף מען טון אזוי, און יעצט דארף מען טון אזוי. וואס דאס איז דאך די עיקר פון חינוך, אויסצולערנען יענעם די דרכי התורה. אבער אסאך מאל זענען די מחנכים אליין נישט אין די מדה פון דעם וואס זיי לערנען פאר אנדערע, זיי אליין זענען נישט אויסגעארבעט אין דאס וואס זיי פארלאנגען פון א צווייטען. די חשיבות פון חינוך איז, ווען א קינד זעהט ביי די עלטערן ווי אזוי די עלטערן פירן זיך, דער טאטע דארף אפילו נישט זאגען פאר א קינד ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, ווייל דאס קינד זעהט ווי אזוי דער טאטע פירט זיך, דאס איז אים א וועג ווייזער פאר שפעטער ווי אזוי ער זאל זיך פירן. דאס איז די עיקר חשיבות פון חינוך, אז דער מענטש דארף זיין א מוסטער פאר די קינדער, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, אין אנהייב פון די פרשה האט אברהם אבינו גענומען די מלאכים און ער האט זיי אריינגעברענגט אין שטוב, און ער האט זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען. און די גמרא (בבא מציעא פו:) זאגט, אז וואס אברהם אבינו האט געטון אליין, האט דער אייבערשטער באצאלט אויך אליין פאר זיינע קינדער, דער אייבערשטער האט געגעבן צו עסן מן אין מדבר. אבער וואסער וואס אברהם אבינו האט געזאגט (יח-ד) יקח נא מעט מים, ער האט געבעטן פון ישמעאל, אז ישמעאל זאל אריינברענגען וואסער פאר די געסט, כדי לחנכו במצות. האט דער אייבערשטער נישט באצאלט פאר די קינדער, וואסער האבן זיי נאר געהאט דורך א שליח.

**און** די קשיא איז זייער שטארק, האט דען אברהם אבינו מזלזל געווען, ער האט זיך נישט געוואלט מטריח זיין פאר די געסט, און וועגן דעם האט ער געהייסן יקח נא מעט מים? ער האט דאך געוואלט מחנך זיין ישמעאל, אז ער זאל אויך האבן א חלק אין די מצוה, ער האט אים געוואלט אויסלערנען ווי אזוי מען דארף אויפנעמען א אורח אין שטוב. פארוואס קומט אים א עונש דערויף, אז אויף דעם האט דער אייבערשטער באצאלט שפעטער דורך א שליח.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, אז דער הסבר דערפון איז. אברהם אבינו האט געוואלט מחנך זיין ישמעאל אויף חסד, ווי אזוי מען דארף אויפנעמען א גאסט אין שטוב. ווען ישמעאל זאל נישט ברענגען

די וואסער, און אברהם אבינו נאכדעם וואס ער איז זיך מטריח צו שחט'ן דריי אקסען, און קאכען די בהמות, און צוגרייטען פאר די אורחים, גיט ער נישט איבער די מצוה פאר א צווייטען, און ער גייט אליין ברענגען די וואסער. אפילו עס איז שלישי למילתו, פון דעסטוועגן דאך איז ער זיך מטריח. ווען ישמעאל זאל דאס צוקוקען, וואלט ער געהאט אסאך א גרעסערן חינוך, ווי דאס וואס ער האט געהייסען פאר ישמעאל יקח נא מעט מים. ווען דו ווילסט מחנך זיין דיין קינד, איז עס נישט אלץ דורך הייסען פארן קינד אז ער זאל עס טון. נאר דו טוה עס, און דיין קינד וועט זעהן ווי דו פירסט זיך, וועט ער האבן א חינוך ווי אזוי ער דארף זיך אליין צו פירן. ער האט געוואלט מחנך זיין ישמעאל צו טון חסד, ווען ישמעאל וועט זעהן ווי אזוי אברהם אבינו גיט נישט אויף, און אפילו וואסער גיט ער נישט דורך א צווייטען, נאר ער גיט עס אליין, וואלט נישט געפעלט אין דעם חינוך פון ישמעאל. איז אויף יקח נא מעט מים, האט דער אייבערשטער באצאלט דורך א שליח.

**אברהם** אבינו האט נישט געדארפט אויסלערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, ער האט נאר געדארפט זאגען איין ווארט, קוקטס ווי אזוי איך פיר זיך, און אזוי זאלט איר זיך פירן. גייטס אין די וועגן וואס איר זעהט ביי מיר, וועט איר גיין אויפן ריכטיגען וועג. זאגט דער אייבערשטער, כי ידעתיו, איך האב ליב אברהם אבינו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו, ער איז מצוה אייביג פאר די קינדער, אחריו, אז זיי זאלן נאכגיין נאך אים. קוקטס וואס איך טו, און דאס זאלט עטץ נאכטון, דעמאלטס ושמרו דרך ה', וועסטו אפהיטן די וועגן פונעם אייבערשטען.

*

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לחדר השני בהאולם, והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **שלמה ווייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים מאיר גרינבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת שבע ברכות.

*

***יום שני פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

***יום שלישי פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו (חתן הר"ר **יואל גליק** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש בורשטין. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

בשעות הערב הגיע **הגה"צ רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר וומסב"ג, להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו החתן נ"י בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מען איז א בעל שמחה.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ב"ה מען גרייט זיך שוין צו.

**רבינו:** היינט דארף מען האבן א עקסטערע תפלה, אז אלעס זאל אדורכגיין בשעה טובה ומוצלחת.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** מען האט אייביג געדארפט בעטן אז א שמחה זאל זיין אן עגמת נפש, אבער דער פשט פון עגמת נפש האט יעצט א אנדערע משמעות.

**רבינו:** על פי הלכה דארף מען ביי יעדע שמחה מאכען א זכר לחורבן, עפעס אוועקנעמען פון די שמחה. מיט דעם איז מען שוין יוצא מיט די קלייניגקייטן וואס מען טוט.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** דער **אמרי נועם** (פ' נשא בליקוטים) טייטשט אויף דעם ענין וואס מען צוברעכט א פח אונטער די חופה, זאגט ער, הפח נשבר ואנחנו נמלטנו (תהלים קכד-ז), ווען מען צוברעכט דעם פ"ח, איז עס צוויי מאל ד"ם, איז דאך נישט גוט. נאר ווען מען צוברעכט עס אויף ג"ם און אד"ם, דעמאלטס איז עס יא גוט. טייטשט ער עס אריין אין פסוק, הפ"ח נשבר ואנחנו נמלטנו, אז מען צוברעכט עס אויף דעם אופן פון ג"ם אד"ם.

**רבינו:** די גמרא (יבמות סג.) זאגט, אז ווילאנג מען האט נישט חתונה ווערט ער נישט אנגערופן א 'אדם', און דעמאלטס ווערט מען א אדם.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** די ערשטע שידוך אין די תורה, איז די וואך פון די חתונה, די חתונה איז זונטאג פרשת חיי שרה.

**רבינו:** די ערשטע שידוך איז געווען אין בראשית, דארט איז געווען דער אייבערשטער דער שדכן.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אז א טאטע זאל חתונה מאכען א קינד, דאס איז אין פרשת חיי שרה. - איך בין אמאל געווען ביים זיידען, דער **ברך משה**, ביים טיש. און מען האט מכבד געווען איינעם מיט מנוחה ושמחה, און ער האט געזינגען א ניגון וואס קיינער האט נישט געקענט, נאר צוויי עלטערע יודען. און איך האב געפרעגט א עלטערע יוד וואס איז געזעצן נעבן מיר, וואס איז דער ניגון? ער איז געווען אזא לעבעדיג יודל, זאגט ער מיר, די ניגון האבן די מלאכים געזינגען ווען אדם הראשון איז געגאנגען אונטער די חופה, און זיי האבן זיך שוין דעמאלטס אפגערעדט, אז עס איז א אלטע ניגון...

**רבינו:** פון די פרשה איז א ראיה אז מען דארף האבן א שדכן, אליעזר.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ער האט באקומען א גוטע שדכנות, ער איז ארויסגעגאנגען מכלל ארור לכלל ברוך (ב"ר ס-ז). דער **מהרי"ל** (מנהגים, הל' חנוכה) שרייבט, אז שדכנות געלט איז די מערסטע אויסגעהאלטענע געלט. דער מהרי"ל אליין איז געווען א שדכן.

**רבינו:** איך ווייס נישט צו היינט איז טאקע אזוי. ווייל אין ביזנעס דארף מען וויניגער ליגענט זאגען, ווי א שדכן דארף זאגען ביי א שידוך...

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** די וועלט זאגט, אז שדכ"ן איז די ראשי תיבות ש'קר ד'ובר כ'סף נ'וטל.

**רבינו:** עס איז דא א ראיה פון אליעזר, אליעזר האט אויך משנה געווען אפאר זאכען פון וואס עס איז געווען דער אמת. ער האט אויסגעחשבונ'ט וואס עס וועט זיין גוט צו זאגען, און וואס נישט.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אותה הוכחת לעבדך ליצחק (בראשית כד-יד), ער האט געזוכט א שידוך די פארקערטע מדה פון יצחק. יצחק איז געווען מדת גבורה, און רבקה איז געווען מדת החסד.

איך האב אמאל געזאגט, אז אליעזר האט געפרעגט (כד-כג), היש בית אביך מקום לנו ללין. און זי האט געענטפערט, גם תבן גם מספוא רב עמנו. וואס האט זי געמיינט צו זאגען. ווייל עס איז דא א חשבון אז עס איז געווען די ערשטע טאג סוכות (ידי משה על המדרש ב"ר נט-יא). האט זי געוואלט זאגען, אז מען דארף מאכען א סוכה, און א סוכה דארף מען מאכען מיט פסולת גורן ויקב. האט זי געזאגט גם תבן גם מספוא רב עמנו, אז מען קען מאכען א סוכה. - אליעזר האט אנגעהויבן עבד אברהם אנכי (כד-לד), ווייל ווען מען קומט אריין אין די סוכה דארף מען איינלאדענען די אושפיזין, און עס איז געווען די אושפיזין פון אברהם, האט ער געזאגט עבד אברהם אנכי.

**רבינו:** לבן האט געפרעגט, למה תעמוד בחוץ ואנכי פיניתי הבית (כד-לא), ווייל אליעזר האט נישט געוואלט אריינגיין אין שטוב, מען דארף זיצען אין די סוכה. ואנכי פניתי הבית, איך האב שוין אויסגעטראגען די כלים פונעם שטוב אריין אין די סוכה. (ראה **שמן ראש** חלק י"א בראשית דף רפז, ובסעודה שלישית פרשת חיי שרה תשע"ז שהאריך **רבינו שליט"א** בזה).

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** הגם ער איז געווען פטור לכאורה, סיי אלץ עבד, און סיי אלץ שלוחי מצוה[א].

---

[א] נצטט בזה מה שביאר **רבינו שליט"א** בסעודה שלישית פרשת חיי זרה תשע"ז לפ"ק, וזה לשונו: ונראה דהנה **בידי משה** על המדרש (ב"ר נט-יא), וכן בהקדמת בן הידי משה על המדרש רבה, הביא בשם **הגאון רבי דוד אופנהיים ז"ל**, דעל פי החשבון יוצא, שאותו יום שבא אליעזר לחרן היה יום טוב ראשון של סוכות. כיון דיצחק נעקד ביום הכיפורים שהוא עשרה בתשרי, ודרך ג' ימים היה מהר המוריה לביתו, נמצא שבא לביתו מן העקידה בי"ג בתשרי, ואז נתבשר לו שרבקה נולדה באותו יום. ואיתא (סופרים כא-ט) רבקה היתה בת ג' שנים וג' ימים כשבא אליעזר. נמצא שהיה אותו היום ט"ו בתשרי והוא יום א' של חג הסוכות. [ועיין **במגדים חדשים** (פרשת חיי שרה) מה שהאריך בחשבון זו].

ובזה יובן מה ששאל אותה אליעזר, בת מי את הגידי נא לי היש בית אביך מקום לנו ללין, ותאמר אליו בת בתואל אנכי בן מלכה אשר ילדה לנחור, ותאמר אליו גם תבן גם מספוא רב עמנו גם מקום ללון (כד-כג). וברש"י השיבתו על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון ע"כ. ויש להבין למה הפסיקה באמצע תשובתה לומר, 'גם תבן גם מספוא רב עמנו', שזה שלא במקומה, כי אליעזר לא דיבר מאכילתו ואכילת בהמותיו כלל, והוי לה להשיב קודם, גם מקום ללון, ואז תוכל להוסיף גם תבן גם מספוא רב עמנו. אך בהיות כי זה היה ביום א' דסוכות, ואליעזר קיים כל התורה כמו בביתו של אברהם, ואם כן לא יוכל ללון בבית, כי שינה מחוייבת בסוכה, ובודאי שאין סוכה בבית בתואל. והנה אין מסככין אלא בדבר שגידולו מן הארץ, דכתיב (דברים טז-יג) באספך מגרנך, בפסולת גורן [קשין] ויקב הכתוב מדבר (סוכה יב.). על כן הקדימה בתשובתה, שיש בביתם תבן ומספוא רב שיוכל לסכך עמהם, וממילא יש בביתם מקום ללון. ועל כן כאשר הושם לפניו לאכול בבית, אמר אליעזר לא אוכל עד אשר אם דברתי דברי, ויאמר דבר, ויאמר עבד אברהם אנכי (כד-לג). והיינו כי בהיות שהוא עבד אברהם הוא מתנהג כמו בבית אברהם, וממילא לא יוכל לאכול עד שיסדר עצמו סוכה לאכילתו. ואם כי עבדים פטורין מסוכה, התנהג אליעזר כמו טבי עבדו של רבן גמליאל שהיה תלמיד חכם, והיה יושב בסוכה כאשר היה עולה בידו (עיין תוספות סוכה כ: ד"ה ראיתם).

**רבינו:** און אויך אלץ הולכי דרכים (סוכה כה.).

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אסאך דינים לערנט מען ארויס פון די פרשה. פון די עשרה גמלים לערנט מען ארויס, אז עס דארף זיין מנין ביי די קידושין, ווייל די אלע גמלים האבן דאך געהאט איינער וואס אים געפירט (עיין **בחזקוני** בפרשתנו כד-י).

**רבינו:** איך האב געהערט אמאל פארציילען, אז אמאל האט מען דאך געטון שידוכים פון איין מדינה צו א צווייטע מדינה, און מען האט נישט געוואוסט אסאך פון איין מחותן אויפן צווייטען. און איינער האט אמאל געטון א שידוך פון די פרעמד, און ער איז געפארן צו די חתונה. ווען ער איז אנגעקומען נאנט צו די שטעטל וואו די חתונה האט געדארפט זיין, האט ער זיך אנגעהויבן נאכצופרעגן אויפן מחותן. און ער האט געהערט ווי יעדער האט גערעדט אויפן מחותן אז ער איז א גנב און א גזלן. האט ער געזאגט, אז יעצט פארשטייט ער פארוואס אליעזר האט געהאט קפיצת הארץ. ווייל טאמער ער וואלט זיך אפגעשטעלט אינמיטן ביי א אכסניא, וואלט ער געוואר געווארן ווער דער לבן איז, און ער וואלט נישט געגאנגען ווייטער. האט מען אים גראד ארייגעטראגען ביז חרן, האט ער נישט געהערט גארנישט. ער האט געטראפען רבקה, און פון רבקה גראד אריין אין שטוב.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** מען האט פון הימל אזוי צוגעפירט אז ער זאל נישט קענען הערן.

**רבינו:** וואס מען דארף נישט צו הערן, הערט מען נישט.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** דער **בכור שור** (ר"ה טז:) טייטשט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ואגדלה שמך והיה ברכה (יב-ב), און רש"י זאגט, כאן אי אתה זוכה לבנים, און דארט וועסטו זוכה זיין צו בנים. און נאכדעם ואגדלה שמך, שאודיע טבעך בעולם, מען וועט וויסן פון דיר. פרעגט דער בכור שור, פארוואס דארף אברהם אבינו א גוטע נאמען. זאגט ער א אינטערעסאנטע זאך, אז די גמרא (יבמות לז:) זאגט, אז א מענטש זאל נישט חתונה מיט א פרוי אין איין שטאט, און נאכדעם גיין אין א צווייטע שטאט, ווייל עס קען אויסקומען אז די קינדער וועלן זיך משדך זיין. פרעגט די גמרא דארט, אז עס איז געווען צוויי אמוראים וואס זענען געגאנגען אויף איין נאכט נעכטיגען, און זיי האבן אויסגערופן, מאן הוה לן ליומא. זאגט די גמרא, שאני רבנן דפקיע שמיה. זאגט ער א מורא'דיגע אויפטוה, אויב אזוי, אפילו א מענטש נעמט זיין ווייב און ער גייט מיט זיין ווייב, אבער טאמער ער לאזט דארט איבער קרובי משפחה, און ער גייט אוועק אין א צווייטע שטאט, און ער גייט דארט האבן קינדער, ווערט א פראבלעם, אז די קינדער קענען נאכדעם חתונה האבען מיט די קרובים, און זיי וועלן נישט וויסן אז זיי זענען קרובים. אבער טאמער מען האט א גוטע נאמען, עס איז פקיע שמיה, איז נישט דא קיין חשש. דאס האט דער אייבערשטער געזאגט, דא וועסטו נישט זוכה זיין צו קינדער, אבער דארט וועסטו זוכה זיין צו קינדער. איי אפשר וועט אויסקומען אז מען וועט זיך משדך זיין מיט די קרובים, אבער ואגדלה שמך, שאודיע טבעך בעולם, ממילא וועט נישט זיין קיין שום חשש.

האב איך געזאגט, שאודיע טבעך בעולם, אז דער פשט איז, אז דער **ייטב לב** (פרשת מטות) זאגט, אז טאמער א מענטש ארבעט זיך אויס שלא כדרך הטבע, אקעגן זיין טבע, ווערט ער געהאלפן שלא כדרך הטבע. אברהם אבינו איז באמת נישט געבוירן געווארן מיט א גוטע מדה, ער איז געבוירן מיט שלעכטע מדות, און ער האט זיך אויסגעארבעט, און וועגן דעם האט ער זוכה געווען צו קינדער. קען זיין אז דאס מיינט רש"י צו זאגען, אז מענטשען וועלן זיך וואונדערן ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו שלא כדרך הטבע. האט דער אייבערשטער געזאגט, שאודיע טבעך בעולם, וואס דיין טבע איז געווען, און דו האסט זיך אויסגעארבעט, וועלן מענטשען פארשטיין פארוואס דו האסט זוכה געווען צו א ישועה שלא כדרך הטבע.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**וברכו רבינו:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, און מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אמן. והמברך יתברך בשמחה תענוג ונחת גרינגערהייט און געזונטערהייט, מיט הצלחה און סייעתא דשמיא.

**רבינו:** לחיים חתן, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, מען זאל קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **חיים מאיר**

**ביקעל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם סקאליע.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **נתן מרדכי שטיינער** הי"ו (חתן הר"ר הערשל שפיטץ הי"ו), עב"ג בת הר"ר **העניך גינזבורג** הי"ו, שהתקיים באולם אונסדארף, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט אינאיינם ביי די סעודת שבע ברכות, דער חשוב'ער חתן, מחותנים פון ביידע צדדים, דער זיידע ר' הערשל זאל זיין געזונט, מיין בעל אכסניא, דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**די** וואך אין די פרשה, איז די פרשה פון די עקידה, דער אייבערשטער האט מנסה געווען אברהם אבינו, והאלקים נסה את אברהם, קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת (בראשית כב-א), און ברענג אים פאר א עולה פאר מיר. אין די משנה (אבות ה-ג) שטייט, עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכולם, דער אייבערשטער האט געפריווט אברהם אבינו מיט צען נסיונות, און ער איז בייגעשטאנען ביי אלע. דער נסיון פון די עקידה איז געווען דער לעצטער נסיון וואס אברהם אבינו האט געהאט, און ער איז בייגעשטאנען. און מען בעט יעדן טאג, אז דער אייבערשטער זאל געדענקען פאר אונז דעם זכות פון די עקידה אויף שטענדיג.

**געווענליך** יעדע נסיון וואס מען פריווט דעם מענטש, ווען דער מענטש איז אדורכגעגאנגען איין נסיון, פריווט מען אים בדרך כלל מיט א העכערע נסיון. ווען ער איז אדורכגעגאנגען די צווייטע שטאפל, פריווט מען אים נאך מער. מען גיט אים נישט די זעלבע נסיון, און מען חזר'ט עס איבער איינמאל און צוויי מאל דריי מאל, ווייל אויב ער איז בייגעקומען דאס ערשטע מאל, וועט ער בייקומען די צווייטע מאל אויך. מוז דאך זיין אז די עשרה נסיונות וואס אברהם אבינו איז נתנסה געווארן, איז יעדע נסיון געווען א שווערערע נסיון פון די פריערדיגע. און די נסיון פון די עקידה איז דער שפיץ פון די נסיונות פון אברהם אבינו, און דארט האט דער אייבערשטער געזעהן ומצאת את לבבו נאמן לפניך, דער אייבערשטער האט אים אנגערופן אברהם אוהבי (ישעיה מא-ח), אברהם איז מיין גוטער פריינד.

**די** ערשטע נסיון פון אברהם אבינו רעכנט אויס דער **רבינו יונה** (אבות שם), איז געווען אין אור כשדים. נמרוד האט אים געגומען און ער האט אים אריינגעווארפן אין פייער, און דער אייבערשטער האט אים מציל געווען, אתה הוא ה' אלקים אשר בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים, ומצאת את לבבו נאמן לפניך. דאס איז טייטש אז דער אייבערשטער האט געפריווט אברהם מיט א נסיון ער זאל זיך לאזן הרג'נען פארן באשעפער, און ער האט זיך געלאזט הרג'נען. וואס האט צוגעגעבן דער לעצטער נסיון אז ער האט אים געהייסן שחט'ן זיין זון? אויב ער האט זיך אליין אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען, איז אוודאי אז ער וועט אוועקגעבן זיין זון פארן אייבערשטען. וואס איז דער חילוק פון די נסיון פון די עקידה.

**עס** איז דא דערויף כמה דרכים. א טייל זאגן, אז דער נסיון אין אור כשדים איז געווען, אז אברהם אבינו זאל זיך לאזן הרג'נען פארן אייבערשטען. יעדער מענטש האט טאקע א הנאה פונעם לעבן, אבער דער צער פון שטארבן איז איין סעקונדע, ער ווארפט זיך אריין אין פייער, און ער איז פארברענט, און ער איז זוכה נאכדעם צו חיי עולם הבא. אבער אז מען פארלירט א קינד, איז די נסיון א ווייטאג וואס באגלייט אים דאס גאנצע לעבן שפעטער. ער האט געהאט א קינד ביי די הונדערט יאר, את בנך, את יחידך, אשר אהבת, און מען נעמט עס אים אוועק, די נסיון איז נישט נאר בשעת מען נעמט אוועק דאס קינד, נאר ער וועט יעדן טאג אין יאר אדורכגיין די ליידן נאכאמאל און נאכאמאל. עס איז אסאך א גרעסערער נסיון מקריב צו זיין א קינד, ווי זיך אליין מקריב צו זיין. זיך אליין, איז עס נאר אויף א קורצע צייט, און עס איז דערנאך. ווען אברהם אבינו האט עומד געווען דעם ערשטן נסיון, האט ער זיך געלאזט הרג'נען. אבער ביי די נסיון פון די עקידה איז ער געווען גרייט צו לעבן שפעטער מיט אזא צער וואס ער האט פארלוירן זיין קינד.

**א** טייל ווילן זאגן, אז די אהבה וואס א מענטש האט צו א קינד איז א העכערע אהבה פון וואס א מענטש האט צו זיך אליין. עלטערן טוען פאר קינדער אסאך

מאל זאכן וואס פאר זיך אליין וואלטן זיי נישט געטון, אבער פאר זיין קינד פלאגט מען זיך אז די קינד זאל עס האבן. ווייל דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין עלטערן א אהבה צו קינדער, אז זיי זענען זיך מפקיר פאר זייערע קינדער. אז אברהם אבינו האט זיך געלאזט הרג'נען איז נאך נישט אזא גרויסער נסיון. אבער אז ער גייט הרג'נען זיין קינד, איז עס א גרעסערע נסיון. [עס איז א מחלוקת אין דעם, צו די אהבה פון א קינד איז גרעסער, צו די אהבה פון א טאטע איז גרעסער (עיין בגמרא סנהדרין עב:)].

**עס** קען אפשר זיין לענינינו אז עס ליגט דערין נאך א נקודה. מען געפינט אין די גמרא (סוכה נו:) ביי מרים בת בילגה, אז מען האט סותם געווען די טבעת פון איר שבט, ווייל בשעת דעם חורבן האט זי גערעדט נישט ווי עס פאסט זיך פאר א טאכטער פון די כהונה. זאגט די גמרא, אז מען האט גע'קנס'ט וועגן דעם דעם גאנצן שבט. פרעגט די גמרא, וואס איז שולדיג דער טאטע, וואס איז שולדיג דער שבט? ענטפערט די גמרא, שותא דינוקא בשוקא, או דאבוה או דאימיה. ווי אזוי א קינד ווערט ערצויגן, זעהט מען פון אים די מעשה פון די עלטערן. ווי אזוי א קינד רעדט, איז נישט נאר די קינד רעדט אזוי, נאר דער טאטע רעדט אזוי, און די מאמע רעדט אזוי. ווען דער טאטע און די מאמע וואלטן נישט אזוי גערעדט, זיי וואלטן נישט מזלזל געווען אין די כהונה, וואלט דאס קינד נישט אזוי גערעדט. א קינד ווערט נגרר נאך דעם וואס ער הערט. ער ווערט ערצויגען אין א שטוב, און ער זעהט וואס די עלטערן טוען, און אזוי גייט ער נאך אין דעם וועג. אוודאי איז דא אויסנאמען, מען רעדט דאך נאר פון כלליות.

**אז** מען ערציהט א קינד וואס איז גרייט אויף מסירת נפש, ער איז גרייט אוועקצוגיין פון די וועלט פארן אייבערשטען, איז נישט נאר אז דאס ווייזט אויף די צדקות פונעם קינד, נאר דאס ווייזט אויך אויף די צדקות פון די עלטערן. אז די עלטערן האבן געהאט אזא ליבשאפט צום אייבערשטען, און זיי האבן עס אריינגעגעבן אין דעם קינד אויף אזא וועג, אז דאס קינד איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען, איז עס נישט ארויסגעברענגט די מעלה פון דעם וואס האט זיך געלאזט הרג'נען, זיי האבן ארויסגעברענגט די מעלה פון די עלטערן וואס האבן מגדל געווען אזא קינד וואס איז גרייט דערצו.

**אז** יצחק איז גרייט געווען זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, אפילו ער האט נישט געהערט פונעם אייבערשטען אליין, ער האט נאר געהערט פונעם טאטען. דער טאטע זאגט אים אז דער אייבערשטער האט אים געהייסן איך זאל דיך שחט'ן, וילכו שניהם יחדו (כב-ח) ווי רש"י זאגט, אז ער האט עס אנגענומען מיטן גאנצן הארץ. עס איז טאקע א געוואלדיגע נסיון פאר יצחק אליין, אבער עס איז נישט נאר א נסיון פאר יצחק, דאס אז יצחק איז גרייט זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, האט ארויסגעברענגט ווי טיף עס איז די אמונה פון אברהם אבינו וואס ער האט אריינגעלייגט אין שטוב, אז זיין קינד זאל זיך לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען.

**דער** ערשטער נסיון פון אברהם אבינו, וואס ער האט זיך געלאזט הרג'נען, ער גייט זיך שלאגן מיטן אייבערשטען? דער באשעפער קען אים אוועקנעמען פון די וועלט אויף אסאך וועגן, ער דארף נישט האבן קיין אור כשדים ער זאל אים צונעמען. דאס אז ער פאלגט וואס דער אייבערשטער זאגט, איז מען נאך נישט איבערגעצייגט אז עס איז פונעם טיפן הארץ. אבער די לעצטע נסיון, ווען דער אייבערשטער האט אים געהייסן מקריב זיין יצחק, און מען זעהט אז יצחק גייט צו די עקידה אזוי ווי אברהם אבינו, וילכו שניהם יחדו. דאס האט ארויסגעברענגט ווי ווייט טיף עס ליגט אין אברהם אבינו די אהבה צום אייבערשטען, אז עס איז אויך אריבערגעגאנגען פאר די קינדער, אז יצחק איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין. איז די העכסטע נסיון פון אברהם אבינו איז געווען די נסיון פון די עקידה, ווייל דאס האט געוויזן אויף די טיפע אמונה וואס אברהם אבינו האט געהאט ביי זיך אליין, וואס עס איז איבערגעגאנגען אין די שטוב פאר די קינדער.

**און** דאס איז דער תכלית פון א יוד'ס לעבן, אויפצושטעלן ערליכע יודישע דורות, און מחנך זיין קינדער נישט אוועקצוגיין פון דרך ישראל סבא. וואס מען זעהט ביי די עלטערן דאס דארף ווערן אריינגעקריצט אין די הערצער פון די קינדער נאכצוגיין אויף דעם וועג ווייטער.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל שטיינבערג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (כא-ו), ווען יצחק איז געבוירן געווארן, האט שרה געזאגט, צחוק עשה לי אלקים, דער אייבערשטער האט מיר געמאכט א שמחה, כל השומע יצחק לי, ווער עס האט געהערט אז עס איז געבוירען געווארן ביי מיר א קינד, פריידט זיך. רש"י זאגט, וואס איז דער כל השומע יצחק לי. אז בשעת שרה איז נפקד געווארן, הרבה עקרות נפקדו עמה, אסאך עקרות זענען נפקד געווארן צוזאמען. כמה חולים זענען נתרפא געווארן, קראנקע זענען געהיילט געווארן, הרבה תפלות זענען נענה געווארן, עס איז געווען רב שחוק בעולם, עס איז געווען א געוואלדיגע שמחה. ווי עס איז געווען א פראבלעם אין א שטוב, איז אלעס אוועקגעגאנגען, עס איז געווען א שמחה.

**דער** לשון אין פסוק איז, כל השומע 'יצחק' לי. ער זאגט נישט כל השומע, ווער עס הערט, 'צוחק' פריידט זיך שוין, נאר 'יצחק', ער וועט זיך פרייען שפעטער. איך האב נישט געהאט קיין צייט נאכצוקוקן אין די מפרשים, רש"י זאגט, אז עס איז געווען הרבה עקרות נפקדו עמה. געוועהנליך לערנט מען פשט, אז בשעת יצחק איז געבוירען געווארן, האבן נאך צענדליגער עקרות געהאט דעמאלטס קינדער. קומט דאך אויס, איז דאך נישט געווען דעמאלטס ניכר און בולט די שמחה פון אברהם, אז ער האט געהאט א קינד, ווייל הרבה עקרות נפקדו עמה.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, הרבה עקרות נפקדו עמה איז נישט דער טייטשט אז זיי האבן דעמאלטס געבוירען, נאר אין דעם טאג וואס יצחק איז געבוירען געווארן, זענען געהאלפן געווארן אסאך עקרות, אז אין ניין חדשים ארום וועלן זיי האבן קינדער. אזוי ווי דער כל החולים שנתרפאו, זענען נתרפא געווארן אין דעם טאג, איז די זעלבע איז כמה עקרות האבן געהאט דעמאלטס די פקידה. וואס די האבן נאך נישט געהאט קיין שמחה יעצט, ווייל זיי האבן דאך נישט געוואוסט אז זיי ווארטן א קינד, אבער כל השומע, ווער עס הערט, יצחק לי, עס וועט אדורכגיין אי"ה ניין חדשים ארום, מען וועט זעהן וויפיל עקרות זענען נפקד געווארן, וועט מען וויסן אז דאס נעמט זיך פון די שמחה וואס עס איז געווען ביי אברהם. - ווייל אזוי איז די מדה פונעם אייבערשטען, אז ווען עס איז דא א שמחה בבית צדיקים, צושפרייט זיך די שמחה אויף איבעראל. אברהם מיט שרה האבן געהאט א קינד, עס איז געווען ביי זיי א שמחה, האט עס אראפגעברענגט רפואות און ישועות פאר אלע וואס דארפן האבן.

*

**עס** קען זיין נאך א ענין פארוואס דעמאלטס זענען אזויפיל עקרות נפקד געווארן, און כמה חולים נתרפאו. איך האב געזעהן שטייט פונעם **חפץ חיים**, אנהייב פון די פרשה (יח-ב) שטייט צוויי מאל 'וירא'. וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו, ער האט געזעהן דריי מענטשן שטייען, וירא, און ער האט געזעהן, וירץ לקראתם. רש"י שטעלט זיך שוין וואס איז דער צווייטער וירא. עס וואלט געדארפט שטיין, וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו, וירץ לקראתם.

**האט** דער חפץ חיים געזאגט, א בשר ודם וואס דארף א רפואה, און עס קומט א דאקטער אים צו היילן, ווערט ער נישט געהיילט ווען דער דאקטער קומט אריין אין שטוב. דער דאקטער באזוכט דעם קראנקען, ער גיט אים א געוויסע רפואה, און דער חולה נעמט די רפואה, און נאך א שטיק צייט ווערט ער געהיילט. ווען מלאך רפאל קומט און ברענגט א רפואה, דארף ער נישט געבן קיין מעדיצין פאר דעם חולה, די עצם זאך אז דער מלאך רפאל קומט אריין אין שטוב, און מען זעהט דעם מלאך, צו דער מלאך זעהט דעם מענטש, קומט שוין די רפואה פון זיך אליין.

**אברהם** אבינו איז דאך געווען אן אלטער יוד, ער איז שוין אלט געווען הונדערט יאר. און עס איז געווען שלישי למילתו, און עס איז געווען כחום היום, א הייסער טאג אינדרויסן. און דא זעהט מען אז ער קומט און ער לויפט און ער ברענגט פרים און ער שחט. עס איז שלא כדרך הטבע, אז א מענטש אין די יארן, זאל שלישי למילתו, קענען דאס צושטעלן. אבער אזוי ווי איינע פון די מלאכים איז דאך געקומען לרפאות את אברהם, מלאך רפאל איז

דאך געווען דארט. קומט אויס אז ווען אברהם אבינו האט געזעהן מלאך רפאל, האט ער תיכף באקומען די רפואה, ער איז צוריקגעקומען צו די כוחות, און ער האט געקענט לויפן און טון ווייטער וואס מען דארף. זאגט דער חפץ חיים, וירא, ער האט געזעהן, והנה שלשה אנשים נצבים עליו, דריי מלאכים שטייען פאר אים, איז וירא, מיט דעם וואס ער האט זיי געזעהן, איז וירץ לקראתם, האט ער שוין באקומען די כוחות אז ער האט געקענט לויפן. מען דארף נישט נעמען א רפואה און היילן, נאר דורך די ראיה אליין איז וירץ לקראתם.

**קומט** דאך אויס, אז ווען מלאך רפאל איז געקומען היילן אברהם, און דער מלאך וואס איז געקומען אנזאגן די בשורה פאר שרה, מיט דעם וואס זיי זענען אריינגעקומען אין שטוב, איז שוין געווען רפואות מיט ישועות מיט אלעם וואס מען האט געדארפט האבן. זיי האבן דאך געזאגט פאר אברהם אבינו, שוב אשיב אליך כעת חיה ולשרה בן, אז זיי קומען צוריק שפעטער, זיי גייען זיין דא ביי דעם ברית וואס אברהם אבינו וועט מאכען, ווען יצחק וועט געבוירען ווערן. קומט דאך אויס, אז ווען זיי זענען צוריק געקומען, איז ווייטער מלאך רפאל מיט די וואס האבן אנגעזאגט די בשורה פאר אברהם, אויך דארט געווען. און דאס אליין ווען די מלאכים קומען אראפ און זיי דרייען זיך דא אויף דער וועלט, איז וירא וירץ לקראתם, דאס זעהן אליין ברענגט רפואות. איז וועגן דעם זענען הרבה חולים נתרפאו, און הרבה עקרות זענען נפקדו עמה, ווייל די זעלבע מלאכים וואס זענען געווען דעמאלטס ביי אברהם אבינו אין שטוב, איז דאך שוב אשיב אליך כעת חיה, זיי זענען דאך יעצט צוריקגעקומען, האבן זיי מיטגעברענגט א רפואה, ווייל מלאך רפאל דארף נישט ברענגען קיין רפואה צו היילן יענעם, די עצם וואס ער קומט אראפ און ער דרייט זיך צווישן מענטשן, דאס ברענגט די רפואה.

**עס** שטייט דאך אז ביי יעדן ברית קומט אליהו, מלאך רפאל קומט דאך אויך ביי יעדן ברית, ביי די ערשטע ברית פון אברהם אבינו איז דאך מלאך רפאל געקומען אים היילן. די וועלט דארף האבן מלאך רפאל זאל קומען נאכאמאל, און ער זאל זיך ארומדרייען צווישן אונז, און ברענגען רפואות און ישועות פאר אלע וואס דארפן האבן.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*קטע מתוך השיעור:*

**ותצחק** שרה בקרבה לאמור, אחרי בלתי היתה לי עדנה ואדוני זקן, ויאמר ה' אל אברהם למה זה צחקה שרה וגו' (יח-יב). דער **רמב"ן** (יח-טו) שטעלט זיך, און ער זאגט, עס זענען געקומען מלאכים צו אברהם אבינו, און זיי ברענגען א בשורה, און מען לאכט אפ וואס מלאכים זאגען? ותצחק שרה בקרבה לאמור אחרי בלתי היתה לי עדנה. זאגט דער רמב"ן אז די מלאכים זענען געווען נדמו כאנשים, זיי האבן אויסגעקוקט ווי שלשה אנשים. נאר אברהם אבינו בחכמתו האט מכיר געווען, און ער האט דערקענט אין זיי אז זיי זענען מלאכים, אבער שרה וואס האט זיי נישט געזעהן, נאר שרה שומעת פתח האהל, שרה האט געהערט ווי אזוי מען שמועסט, האט נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכי עליון. איז ממילא ותצחק שרה בקרבה, האט זי אפגעלאכט. מענטשען קומען און מען וואונטשט איר אן, אז זי זאל האבן א קינד ביי די ניינציג יאר, און אברהם איז הונדערט, האט זי אפגעלאכט דערפון.

**אויב** אזוי, וואס איז זי שולדיג. דריי אראבערס געבן א ברכה, און זי האלט אז עס איז א זאך וואס איז נישט במציאות, וואס איז געווען די תביעה. זאגט דער רמב"ן, אז די תביעה איז נישט געווען אויף דעם וואס זי האט נישט אנגענומען די ווערטער פון די מלאכים, נאר אויב זי וואלט געגלייבט אז עס קען זיין אזא זאך, וואלט זי געדארפט זאגען, אמן כן יעשה ה'. אפילו זיי זענען געווען אראבערס, עס איז נישט א בשורה פונעם אייבערשטען, אבער סוף כל סוף מען האט איר אנגעוואונטשען אז זי זאל האבן א

קינד, אפילו ביי די ניינציג יאר. אז מען וואונטשט אן פאר איינעם צו האבן א קינד, דארף מען ענטפערן אמן כן יעשה ה', דער אייבערשטער זאל העלפן. און אז מען האט עס נישט געזאגט, איז דער טייטש אז מען האלט, אז עס איז נישט קיין מציאות אז עס זאל קענען זיין. און דאס איז געווען די תביעה וואס דער אייבערשטער האט געזאגט למה זה צחקה שרה, היפלא מה' דבר, פונעם אייבערשטען איז גארנישט פארהוילן. - מען זעהט פון דעם די געוואלדיגע חשיבות, **וואס דאס מיינט אז ווען מען הערט א ברכה פון איינעם, אז מען דארף ענטפערן דערויף, אמן כן יעשה ה'**. און אז מען איז נישט מחשיב יענעמס ברכה, און מען האט נישט געענטפערט אמן כן יעשה ה', איז געווען א תביעה אויף שרה, פארוואס זי האט נישט אנגענומען די ברכה וואס מען האט איר געזאגט.

**און** דער אמת איז, אז עס איז א גמרא (ברכות ז. מגילה טו.), אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך, אפילו ווען א פשוטער מענטש גיט א ברכה, דארף מען שעצן די ברכה. - איך האב געהערט פון **מיין טאטע זכרונו לברכה**, אז ער האט געהערט פון זיין פאטער דער **סערדאהעלער רב זצ"ל**, וואס האט געהערט מפה קדשו פונעם פריערדיגען **בעלזער רב, רבי ישכר דוב**. דער בעלזער רב האט פארציילט, אז אמאל איז געקומען א יוד, א עם הארץ, צום **בעלזער רב**, דער **שר שלום**, און ער האט געבעטן עפעס א ברכה, און דער בעלזער רב האט אים שיין אנגעוואונטשען. דער יוד איז געווארן זייער פריילעך, ער האט באקומען אזא ברכה פונעם בעלזער רב. און דער בעלזער רב גיט אים אזא פרעג, פארוואס ביסטו אזוי פריילעך. זאגט ער, וואס איז טייטש, עס שטייט דאך אין די גמרא, אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך. [ער האט נישט געוואוסט פונקטליך די טייטש דערפון, ער האט נאר געוואוסט אז עס מיינט אז א ברכה איז חשוב]. זאגט אים דער בעלזער רב, אפשר גיסטו מיר א ברכה, דו ביסט דאך א גרעסערער הדיוט, וועט דאך דיין ברכה זיין חשוב'ער פון מיין ברכה...

**די** וועלט זאגט נאך אויף **רבי עקיבא איגר**, אז עס איז אמאל געקומען א יוד צום רבי עקיבא איגר, און ער האט געבעטן א ברכה. און דער רבי עקיבא איגר איז געווען א געוואלדיגער ענוותן און א שפל ברך, און ער האט זיך אנגעהויבן אזוי ארויסצודרייען אז ער איז א אדם פשוט, פארוואס בעטסטו ביי מיר א ברכה. האט דער יוד זיך אזוי ארויסגעכאפט פונעם מויל, עס שטייט דאך אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך. און ער האט זיך געכאפט נאכדעם, וואס האב איך געזאגט פאר רבי עקיבא איגר אז ער איז א הדיוט. האט ער זיך געוואלט אזוי פארענטפערן, זאגט ער, רבי, איך האב געמיינט צו זאגען, א ברכה וואס מען גיט פאר א הדיוט, זאל נישט זיין קלה בעיניך. האט דער רבי עקיבא איגר געזאגט, ענדערש זאל דער הדיוט ארויפגיין אויף מיר, ווי דו זאלסט פארקרומען א גמרא...

**איך** ברענגט עס ארויס לגבי די חשיבות נאכצוגיין נאך א ברכה. א ברכה פון א אדם גדול איז אוודאי א חשיבות, נאר אפילו א ברכת הדיוט, **מען גיט לחיים איינער פארן צווייטען ביי א שמחה וכדומה, דארף מען מחשיב זיין יעדע ברכה וואס מען זאגט, און ענטפערן דערויף אמן**. און עס איז געווען א תביעה אויף שרה, פארוואס זי האט נישט געזאגט, אמן כן יהי רצון, אויף דעם וואס זי האט געהערט פון די אנשים פשוטים, לפי דעתה של שרה.

**איך** האב געזעהן צוברענגען א היינטיגע מעשה. אז עס איז געווען א יוד אין ירושלים, וואס האט געדאווענט אין די שטובלעך פון זכרון משה, און דארט איז געווען דער רב, **רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל**, ער איז געווען פון די בית דין פון עדה החרדית. און דער יוד האט געהאט א חזקה אז ער פלעגט יעדן ראש השנה קויפן א געוויסע עליה עולה צו זיין. און מען האט פארקויפט די עליות ראש השנה, און דער יוד האט פונקט איינגעדרימעלט, און מען האט פארקויפט די עליה פאר א צווייטען. ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, און ער האט געזעהן אז ער האט פארפאסט צו קויפן די עליה וואס ער האט אזויפיל יארן געהאט דערויף א חזקה, האט ער געקויפט א צווייטע עליה. נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צו רבי ישראל יעקב, און ער זאגט אים, אז עס איז לבו נוקפו, ער האט א חזקה יעדע יאר צו קויפן די עליה, און יעצט מן השמים איז ער איינגעשלאפן, און ער האט נישט באקומען די עליה, צו דאס ווייסט נישט עפעס אויף א סימן רעה וכדומה. האט ער עס אוועקגעמאכט, און ער האט אים געזאגט, האסט דאך געקויפט א אנדערע עליה. דער אייבערשטער

זאל העלפן אז איבער'עס יאר, זאלסטו קויפן די עליה. ער האט אים אנגעוואונטשען אז דאס יאר זאל אדורכגיין ווי עס דארף צו זיין, און דעם קומענדיגן יאר וועסטו קויפן די עליה.

**עס** איז אדורך אפאר חדשים, און דער יוד איז ל"ע נסתלק געווארן, און רבי ישראל יעקב איז געקומען מנחם אבל זיין. האט איינע פון די אבלים זיך אנגערופן פאר רבי ישראל יעקב, דער רב געדענקט דאך מן הסתם וואס איז געווען דעם ראש השנה, אז ער האט פארפאסט צו קויפן די עליה, און דער רב האט אים אנגעוואונטשען, אז איבערעס יאר וועט ער קויפן די עליה, און עס איז נישט מקויים געווארן דעם רב'ס ברכה. האט אים רבי ישראל יעקב געזאגט, איך בין נישט שולדיג, ער איז אליין שולדיג. איך האב אויפגעפאסט אז ווען איך האב אים געגעבן די ברכה, האט ער נישט געזאגט אמן... ווען מען גיט א ברכה דארף מען ענטפערן דערויף אמן, און אז מען האט נישט געענטפערט קיין אמן דערויף, האט די ברכה נישט געהאט א מקום וואו עס זאל חל זיין. – די תביעה איז געווען אויף שרה, פארוואס זי האט נישט געזאגט, אמן כן יעשה ה'.

*

***ערב שבת קודש פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל בערקאוויטש** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת וירא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

במוצאי שבת שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ישראל** (ב"ר שלמה צבי) **זינגער** הי"ו, שהתקיים באולם אפעל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (יח-יט), דער אייבערשטער האט געזאגט אויף אברהם אבינו, כי ידעתיו, איך האב אים ליב, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ער זאגט אן פאר זיינע קינדער און פאר זיינע שטוב מענטשן, ושמרו דרך ה', איר זאלט אפהיטן די וועג פונעם אייבערשטען, לעשות צדקה ומשפט. די ווארט 'אחריו' איז לכאורה נישט אויפן פלאץ. עס וואלט געדארפט שטיין, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו, ושמרו דרך ה', וואס מיינט עס 'אחריו', נאך אים זאלן זיי אפהיטן דרך ה'.

**מען** ברענגט צו פונעם זוהר הק' (הובא **בילקוט ראובני** בפרשתנו), אויפן פסוק (יח-ד) והשענו תחת העץ, אז אברהם אבינו האט געהאט א בוים, וואס ווען די אורחים זענען געקומען האט ער זיי געזעצט אונטער דעם בוים, און פון דעם האט ער געוואוסט צו זיי זענען ערליכע מענטשן צו נישט. אויב ער האט געזעהן אז די צווייגן טוען זיך אויסשפרייטן, און עס נעמט זיי ארום אזוי ווי א צל, האט ער געוואוסט אז זיי זענען ערליכע. טאמער האט ער געזעהן אז דער בוים ציט זיך צוזאם, האט ער געוואוסט אז זיי זענען נישט ערליך.

**מען** רעדט דאך פון גוים, מען רעדט דאך נישט פון קיין יודען וואס האבן מקבל געווען די תורה. וואס מיינט ער האט געזעהן אז זיי זענען ערליכע גוים, און נישט קיין ערליכע גוים. וואס איז א חילוק ביי דעם גוי, וואס ער איז. אויב ער האט געדארפט מקרב זיין איינעם תחת כנפי השכינה, וואס איז א נפקא מינה וואס פאר א סארט גוי ער איז, יעדן דארף מען מקרב זיין תחת כנפי השכינה.

**מען** זעהט אז דער גרויסער אברהם אבינו וואס האט מקרב געווען יעדן, ואת הנפש אשר עשו בחרן, ווען עס איז געקומען צו סדום, האט ער גארנישט געטון. ער האט מתפלל געווען אפשר איז דא דארטן פופציג צדיקים, פערציג, דרייסיג, אבער ער האט נישט געזאגט אז ער גייט אראפ אויף סדום, און ער גייט זיי איבערמאכן פאר ערליכע מענטשן. פארוואס? ער האט דאך אלעס געטון כדי מפרסם צו זיין אמונת אלקי עולם.

**עס** קען אפשר זיין אז דער פשט דערפון איז. מען געפונט אין די גמרא (יומא פו.) ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), אהבהו על הבריות. עס איז נישט גענוג וואס א מענטש האט ליב דעם אייבערשטען פאר

זיך, ער דארף זיך אזוי אויפפירן אז ווען מען זעהט ווי אזוי ער פירט זיך, זאל עס ברענגען אן אהבה צום אייבערשטען. אז מען זעהט איינער פירט זיך אויף ערליך, זיין משאו ומתנו איז באמונה, ווען עס קומט צו די געשעפטן ווייסט מען אז ער איז אן ערענטליכער מענטש. ווען ער רעדט צו א צווייטן, זעהט מען אז דיבורו איז בנחת עם הבריות, ער רעדט ערענטליך צו יענעם. מה הבריות אומרות, וואס זאגן מענטשן, אשרי אביו שלמדו תורה, וואויל איז דעם טאטען וואס האט אים געבוירען, אשרי רבו שלמדו תורה, וואויל איז פאר דעם רבי'ן וואס האט אים געלערנט, ישראל אשר בך אתפאר (ישעיה מט-ג), פון דעם קומט ארויס א קידוש שם שמים. ווען א מענטש פירט זיך ערענטליך איז ער מקיים א מצוה פון אהבת ה', ער טוט באליבן דעם אייבערשטענ'ס נאמען אויף די וועלט.

**חס** ושלום פארקערט, ווען ער האט געלערנט, און ער איז אויסגעוואקסן א תלמיד חכם, און ווען עס קומט זיך אויפצופירן צווישן מענטשן, איז זיין ווארט נישט קיין ווארט. זיין משאו ומתנו איז נישט באמונה, עס איז נישט ערליך. און ווען עס קומט צו רעדן צו א צווייטן, רעדט ער נישט מיט קיין דרך ארץ, און ער רעדט ווילד, עס איז נישט דיבורו בנחת עם הבריות. זאגט מען אוי לו לאביו שלמדו תורה, אוי לו לרבו שלמדו תורה, ווי איז פאר דעם רבי'ן וואס האט אים געלערנט תורה. עס איז גארנישט קיין זכות פאר דעם רבי'ן וואס האט געלערנט מיט אים תורה, אז ער וואקסט אויף שפעטער אזא איינער וואס פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין.

**אברהם** אבינו בשעת ער האט מכניס געווען אנדערע תחת כנפי השכינה, האט ער נישט יעדן אריינגענומען תחת כנפי השכינה. אויב דער מענטש פירט זיך ערענטליך, זיין רעדן איז ערענטליך, זיין התנהגות איז א ערענטליכע, ער האט אויף זיך געהעריגע מידות, אים אז מען וועט אריינברענגען תחת כנפי השכינה, וועט עס ארויסברענגען א ליבשאפט צום אייבערשטען. אויב ער האט געזעהן איינעם וואס איז נישט געווען דיבורו בנחת עם הבריות, און ער האט געזעהן אז זיינע משאו ומתנו איז נישט באמונה, אזא איינעם האט ער נישט געזוכט אריינצוברענגען תחת כנפי השכינה. וואס וועט זיין ער וועט אים מאכן פאר א יוד, אזוי פירט ער זיך אויף? ער איז ח"ו ממאס דעם אייבערשטען'ס נאמען אויף דעם וועג.

**אנשי** סדום זענען געווען רעים וחטאים לה' מאוד, האט ער נישט געזוכט זיי מקרב צו זיין, ער האט נישט געזוכט זיי אריינצוברענגען אין דעם הנפש אשר עשו בחרן. די מענטשן וואס זענען רעים וחטאים, זיי זענען נישט קיין בעלי חסד, זיי פירן זיך אויף אזוי ווי מען האט זיך אויפגעפירט אין סדום, וואס וועלן זיי זאגן נאכדעם, זיי קענען לערנען אויך, זיי זענען מאמינים בה' אויך, וואס האט ער אויפגעטון דערמיט. איז ער נישט געגאנגען זיי מקרב זיין. קודם האט ער זיי געזעצט תחת כנפי האילן, און ער האט געזעהן ווי אזוי זיי פירן זיך אויף, וואס ביי א גוי הייסט כאטש א נארמאלער גוי. נאכדעם אז ער איז א נארמאלער מענטש, האט ער אנגעהויבן צו טון מיט אים, און ער האט אים מכניס געווען תחת כנפי השכינה. אבער אויב ער האט געזעהן אז ער איז נישט קיין אדם כשר, האט ער נישט געזוכט אים אריינצוברענגען תחת כנפי השכינה. עס איז דאך ח"ו פארקערט, מען טוט דאך מיט דעם נישט קיין אהבת ה', נאר דאס פארקערטע. קודם האט אברהם אבינו געדארפט זעהן, אז דער מענטש איז א מענטש וואס איז ראוי אז מען קען אים איבערגעבן די תורה.

**נאכדעם** ווייסט מען, אז נישט יעדער איינער איז גרייט מקבל צו זיין. **כדי אז א מענטש זאל מקבל זיין פון זיינע רבי'ס וואס ער הערט, פארלאנגט זיך א געוויסע הכנעה אונטער אים. אויב ער איז זיך מכניע, ער איז נישט שטאלץ ביי זיך, און ער הערט, און ער איז א מקבל, קען ער אויסשטייגן. ווען איינער האלט אז ער איז קלוגער פון יעדן איינעם, אים דארף מען נישט זאגן קיין דיעות, ער ווייסט מער ווי א צווייטער, ער לאזט זיך נישט בייגען צו א צווייטן, איז א שאד יעדעס ווארט וואס מען רעדט צו אים, דעם קען מען נישט מכניס זיין תחת כנפי השכינה.**

**אברהם** אבינו ווען ער האט מצווה געווען את ביתו, ער האט געזוכט מקרב צו זיין גוים תחת כנפי השכינה, האט ער געזוכט נאר אזעלכע, 'אחריו', די וואס גייען נאך זיינע וועגן פון אברהם אבינו. אברהם אבינו איז געווען דער עמוד החסד, אברהם אבינו איז געווען ואנכי עפר ואפר (יח-כז), די וואס זענען געווען

׳אחריו׳, פון די האט ער פארלאנגט ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט. אויב עס איז נישט ׳אחריו׳, זיי האבן זיך נישט געפירט מיט די מידות פון אברהם אבינו, אויף די האט ער נישט געזאגט ושמרו דרך ה׳, פאר זיי איז בעסער בלייב א גוי אזוי ווי דו ביסט, און ער האט זיי נישט מקרב זיין.

**דאס** איז די חשיבות ביי יודען, מיר זענען מגדל קינדער, אונז טו מיר מחנך זיין קינדער, אבער עס דארף זיין ׳אחריו׳, עס דארף זיין אויף די וועגן וואס די אבות הקדושים האבן זיך געפירט מיט מידות טובות, און נאכדעם קומט ושמרו דרך ה׳, קען מען אפהיטן די וועגן פונעם אייבערשטען, לעשות צדקה ומשפט.